## אנווייזונגען וויאזוי צו אויספילן די RB-89 בויגן

**פאר דעם אפליקאנט**: אן *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק (Application for Board Review, בויגן RB-89)*, פון דא און ווייטער גערופן "די אפליקאציע", מוז אריינגעגעבן ווערן ביז 30 טעג אויפן לוח נאך די דאטום ווען די באשלוס פון דעם ארבייטער'ס פארגוטיגונג געזעץ ריכטער (Workers' Compensation Law judge, WCLJ) ווערט אפיציעל רעקארדירט. *בויגן RB-89* ווערט פארערכנט אלס אריינגעגעבן צו די באורד אויף די דאטום ווען די אפליקאציע ווערט למעשה ערהאלטן דורך די באורד. אין איינקלאנג מיט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(3) און מיט די באשטימונג פון דעם פארזיצער, קען *בויגן RB-89* נאר אריינגעגעבן ווערן צו די צענטראליזירטע אימעיל אדרעס פאר קלעימס (wcbclaimsfiling@wcb.ny.gov) אדער דורך די ארבייטער'ס פארגוטיגונג באורד (Workers' Compensation Board, WCB) אנליין פארטאל (https://wcbdoc.services.conduent.com/). מענטשן וואס גיבן אריין א קלעים און זענען נישט רעפרעזענטירט דורך א לויער א.ד.ג. קענען אויך אריינשיקן *בויגן RB-89* דורך די פאסט צו די באורד'ס צענטראליזירטע פאסט אדרעס (PO Box 5205, Binghamton, NY 13902-5205). *RB-89* בויגנס איבער ארבייטער'ס פארגוטיגונג דיסקרימינאציע קלעימס מוזן אריינגעגעבן ווערן צו די באורד דורכן אריינשיקן די *בויגן RB-89* דורך די פאסט צו די באורד'ס דיסקרימינאציע אפטיילונג: Discrimination Unit, PO Box 9029, Endicott, NY 13761-9029. *RB-89* בויגנס מיט קלעימס געמאכט פאר דיסאביליטי בענעפיטן (קלעימס פאר פארלוירענע געהאלטן צוליבן זיין פארוואונדעט אדער קראנק נישט צוליב די ארבעט) מוזן אריינגעגעבן ווערן צו די באורד דורכן אריינשיקן די אפליקאציע דורך די פאסט צו די דיסאביליטי בענעפיטן ביורא: Disability Benefits Bureau, PO Box 9029, Endicott, NY 13761-9029. א קאפיע פון די אפליקאציע מוז געשיקט ווערן צו אלע צדדים וואס האבן אן אינטערעס אין די פאל, אין איינקלאנג מיט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(2)(iv). *בויגן RB-89* – אויב עס ווערט אריינגעגעבן דורך איינעם וואס איז נישט רעפרעזענטירט דורך א לויער א.ד.ג. – מוז זיין אין די פארמאט וואס פאלגט אויס די פארשריפטן פון דעם פארזיצער, אלע טיילן פון די אפליקאציע מוזן זיין אויסגעפילט, און סיי וועלכע ביילאגעס מיט לעגאלע טענות ('ליגאל בריעף') מוזן זיך האלטן צו די פארשריפטן אין טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(1)(i). סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איז פארלאנגט דורך טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13 און דורך די אנווייזונגען דא וואס ווערט נישט איבערגעגעבן קען פירן דערצו אז די אפליקאציע זאל צוריקגעוויזן ווערן.

> **באמערקונג**: *אפליקאציעס פאר באורד איבערבליק* וועלן נישט אנגענומען ווערן אויב עס ווערט פערזענליך אראפגעברענגט צו א באורד אפיס. *RB-89* בויגנס וואס ווערן אריינגעשיקט אדער איבערגעגעבן דירעקט צו די אדמיניסטראטיווע איבערבליק דיוויזיע (Administrative Review Division) וועלן פארערכנט ווערן אלס נישט אריינגעגעבן צו די באורד און וועלן נישט גענומען ווערן אין באטראכט.

**פאר אלע אנדערע צדדים**: סיי וועלכע *אפענטפערונג קעגן אפליקאציע פאר באורד איבערבליק (Rebuttal of Application for Board Review, בויגן RB-89.1)* מוז איבערגעגעבן ווערן צו די באורד ביז 30 טעג אויפן לוח נאכפאלגנדיג די דאטום ווען די אפליקאציע איז איבערגעגעבן געווארן צו אלע צדדים, ווי עס שטייט אין די "באווייז פון איבערגעבונג" טייל אויף די *RB-89 בויגן, אין איינקלאנג מיט טייטל* 12 פון די NYCRR טייל 300.13(c).

1. **WCB קעיס נומער(ן).** שרייבט אריין די WCB קעיס נומער(ן) פון די קלעים/קלעימס וואס ווערן אפעלירט. WCB קעיס נומער(ן) רעכענען אריין די קעיס נומער פאר ארבייטער'ס פארגוטיגונג, דיסקרימינאציע, דיסאביליטי בענעפיטן, באצאלטע פאמיליע אורלויב דיסקרימינאציע, וואלונטיר פייערלעשער און וואלונטיר אמבולאנס ארבעטער בענעפיטן.
2. **אינשורענס פירמע קעיס נומער(ן).** שרייבט אריין די אינשורענס פירמע קעיס נומער(ן) פון די קלעים/קלעימס וואס ווערן אפעלירט. די טייל/קעסטל איז נישט נוגע פאר קלעימס איבער דיסקרימינאציע.
3. **אינשורענס פירמע קאוד.** שרייבט אריין די 'קעריער קאוד' פון די אינשורענס פירמע פאר די קלעים וואס ווערט אפעלירט. די טייל/קעסטל איז נישט נוגע פאר קלעימס איבער דיסקרימינאציע.
4. **אינשורענס פירמע'ס נאמען.** שרייבט אריין די נאמען פון די אינשורענס פירמע פאר די קלעים וואס ווערט אפעלירט. די טייל/קעסטל איז נישט נוגע פאר קלעימס איבער דיסקרימינאציע.
5. **דאטום פון וואונד/אורלויב.** שרייבט אריין די אריגינעלע דאטום ווען די וואונד האט פאסירט אדער די דאטום ווען באצאלטע פאמיליע אורלויב האט זיך אנגעהויבן (אויב באצאלטע פאמיליע אורלויב איז נישט גענומען געווארן, שרייבט אריין די דאטום פון די דיסקרימינאציע קאמפלעינט).
6. **נאמען פון דער וואס מאכט די קלעים.** שרייבט אריין די פולע נאמען פון דעם ארבעטער.
7. **אדרעס פון דער וואס מאכט די קלעים.** שרייבט אריין די גאס אדרעס, שטאט, סטעיט און זיפ קאוד פון דעם ארבעטער, און די פאסט אדרעס אויב עס איז אנדערש.
8. **צד וואס פארלאנגט אפעלירונג.** שרייבט אריין וועלכע צד פילט אויס די *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק*.
9. **סארט אפליקאציע.** דייטעט אן אויב די אפליקאציע פארלאנגט 1) אן איבערבליק פון א WCLJ באשלוס אדער 2) א נייע הירינג אדער צוריק עפענען א קעיס.
10. **דאטום פון באשלוס.** שרייבט אריין די דאטום פון די באשלוס וואס ווערט אפעלירט.
11. **שרייבט די אנגעלעגנהייט(ן) צו איבערגעקוקט ווערן.** שרייבט אריין די ספעציפישע אנגעלעגנהייט(ן) צו איבערגעקוקט ווערן.
12. **באגרינדונג פאר אפעלירונג.** גיבט איבער א קורצע באהויפטונג איבער די ספעציפישע טענות אויף וועלכע די אפעלירונג איז באגרינדעט, אריינרעכענענדיג די ספעציפישע באשטימטע פאקטן וועלכע ווערן אין פראגע געשטעלט און/אדער די אנגעבליכע טעותים אין דעם געזעץ. אלגעמיינע טענות וואס דייטן נישט ספעציפיש אן אויף די אנגעלעגנהייטן אויף וועלכע די באורד דארף מאכן א באשלוס זענען נישט גענוג גוט. ווי פארגעשריבן דורך טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(1)(i), קען אן אפעלאנט (דער מענטש אדער קערפערשאפט וואס מאכט אן אפעלירונג) צולייגן א ביילאגע מיט לעגאלע טענות פון ביז אכט (8) בלעטער אין לענג, נוצנדיג אותיות וואס זענען 12 פונקטן גרויס, מיט איין אינטש ליידיג ארום די ווערטער אויף 8.5 אינטש אויף 11 אינטש פאפיר. א ביילאגע וואס איז לענגער פון אכט (8) בלעטער וועט נישט גענומען ווערן אין באטראכט, חוץ אויב דער אפעלאנט גיבט אן אין שריפט א סיבה פארוואס די אפעלירונג וואלט נישט געקענט געמאכט ווערן זיך האלטנדיג צו אכט (8) בלעטער. א ביילאגע וואס איז לענגער פון פופצן (15) בלעטער וועט נישט גענומען ווערן אין באטראכט אין קיין שום פאל.

13. **הירינג דאטומען, טראנסקריפטן, דאקומענטן, פארשטעלונגען און אנדערע באווייזן.** שרייבט אריין די הירינג דאטום/דאטומען ווען די אנגעלעגנהייט(ן) איז ארויפגעברענגט געווארן בעפאר דעם WCLJ, און אזוי אויך סיי וועלכע אנדערע באטרעפנדע הירינג דאטומען. רעכנט אויס די טראנסקריפטן, דאקומענטן, באריכטן, פארשטעלונגען (עקסהיביטס) און אנדערע באווייזן וואס ליגן אין די באורד'ס פייל וועלכע זענען נוגע פאר די אנגעלעגנהייטן און באגרינדונגען וואס ווערן ארויפגעברענגט פאר איבערבליק — לויט די דאטום און/אדער ID נומער(ן) פון די דאקומענטן. אויב עס זענען דא מינוטן וואס זענען נישט אראפגעשריבן געווארן אין טראנסקריפטן, שרייבט דאס אויך אריין. שיקט נישט מיט און לייגט נישט צו סיי וועלכע דאקומענטן צוזאמען מיט די *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק* אויב זיי ליגן שוין אין די באורד'ס פייל אין די צייט וואס די אפליקאציע ווערט אריינגעגעבן. די באורד וועט מעגליך צוריקווייזן אן *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק* פון אן אפעלאנט אדער זייער לעגאלער פארטרעטער אויב זיי לייגן צו דאקומענטן וואס ליגן שוין אין די באורד'ס פייל אין די צייט ווען די אפליקאציע ווערט אריינגעגעבן, אין איינקלאנג מיט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(1)(ii). לייגט נישט צו און גיבט נישט אריין טראנסקריפטן פון הירינגס פון וועלכע די שטימע איז רעקארדירט געווארן, אזוי ווי די באורד וועט זיי נישט נעמען אין באטראכט.

14. **נייע און צוגעלייגטע באווייזן.** אויב אן אפעלאנט וויל פארשטעלן נייע אדער צוגעלייגטע באווייזן מיט די *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק* וואס זענען נישט פרעזענטירט געווארן בעפאר דעם WCLJ, דאן מוז דער מענטש 1) זאגן אויף די אפליקאציע פאר באורד איבערבליק אויב די באווייזן זענען בייגעלייגט מיט די אפליקאציע אדער אויב עס ליגט אין די באורד'ס פייל – צוזאמען מיט די באטרעפנדע דאקומענט ID נומער – און 2) אריינגעבן א דעקלעראציע וואס שטעלט פאר די באווייזן און ערקלערט פארוואס די באווייזן האבן נישט געקענט פריער פרעזענטירט ווערן בעפאר דעם WCLJ. די באורד וועט זיך קענען באנוצן מיט איר שיקול הדעת צו יא אדער נישט אננעמען אזעלכע באווייזן. אויב די דעקלעראציע ווערט נישט אריינגעגעבן צוזאמען מיט די אפליקאציע, דאן וועלן נייע אדער צוגעלייגטע באווייזן נישט גענומען ווערן אין באטראכט דורך די באורד פאנעל [זעהט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(1)(iii)].

15. **קעגנשטעלונג.** שרייבט קלאר ארויס די קעגנשטעלונג געמאכט קעגן די אנדערע צד (אַבדזשעקשען) אדער קעגן אן אורטייל פון דעם ריכטער (עקסעפּשען) און אזוי אויך די דאטום ווען די קעגנשטעלונג איז אפיציעל געמאכט געווארן, ווי פארלאנגט דורך טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(2)(ii). אויב די קעגנשטעלונג איז געמאכט געווארן ביי א הירינג, דאן מוז די דאטום פון די הירינג וואו די קעגנשטעלונג איז אפיציעל געמאכט געווארן ארויסגעשריבן ווערן. אויב די קעגנשטעלונג איז געמאכט געווארן ביי א פראצעס וואס איז אפגעהאלטן געווארן אינדרויסן פון די אפיציעלע לוח, דאן מוז די דאטום פון די פראצעס ארויסגעשריבן ווערן [טייטל 12 פון די NYCRR טיילן 300.13(b)(4)(v)(a), (b) און (c)].

16. **פארלוירענע-געהאלט באצאלונגען.** ווען *בויגן RB-89* ווערט אריינגעגעבן דורך די אינשורענס פירמע אדער דורך אן ארבעטסגעבער וואס גיבט זיך אליין אינשורענס, דאן דייטעט אן אויב פארלוירענע-געהאלט באצאלונגען (אינדעמניטי בענעפיטס) ווערן באצאלט אין די צייט וואס די אפליקאציע ווארט אויף א באשלוס. אויב נישט, דאן דייטעט אן די דאטום ווען די באצאלונגען זענען אויפגעהערט געווארן לויט WCL טייל 23.
אויב יא, דייטעט אן די ראטע אויף וועלכע די אנגייענדע פארלוירענע-געהאלט באצאלונגען ווערן געמאכט. אויב די אנגייענדע פארלוירענע-געהאלט באצאלונגען ווערן געמאכט אויף א ראטע וואס איז ווייניגער פון די אריגינעל-פארלאנגטע ראטע, דאן שרייבט אריין די דאטום ווען באצאלונגען זענען רעדוצירט געווארן. אויב באצאלונגען זענען אפגעשטעלט געווארן, דאן גיבט אן די אנגעלעגנהייט אויף די אפעלירונג וואס איז די לעגאלע באזיס פארן אפשטעלן באצאלונגען. די טייל/קעסטל איז נישט נוגע פאר קלעימס איבער דיסקרימינאציע.

17. **באשטעטיגונג.** דער וואס פילט אויס די בויגן מוז אונטערשרייבן און אריינשרייבן די דאטום אויפן בויגן (אויך איבערגיבנדיג זייער נאמען, טיטל, טעלעפאן נומער און אדרעס) באשטעטיגנדיג אז די אפליקאציע ווערט אריינגעגעבן מיט אן ערליכע כוונה, זיך באזירנדיג אויפן געזעץ און אויף די פאקטן, אז עס ווערט געמאכט מיט א שכל'דיגע באגרינדונג און אז עס איז איבערגעגעבן געווארן פאר אלע באטרעפנדע צדדים וואס האבן אן אינטערעס אין דעם פאל ווי אויסגערעכנט אין די "באווייז פון איבערגעבונג" טייל.

18. **באווייז פון איבערגעבונג.** די אפליקאציע מוז געשיקט ווערן צו אלע צדדים וואס האבן אן אינטערעס אין די פאל, אין איינקלאנג מיט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(2)(iv). אויב די אפליקאציע ווערט נישט איבערגעגעבן ווי עס דארף צו זיין פאר א צד וואס דארף עס באקומען, דאן וועט דאס פארערכנט ווערן אלס אומגילטיגע איבערגעבונג און די אפליקאציע וועט מעגליך צוריקגעוויזן ווערן דורך די באורד. ווען די *אפליקאציע פאר באורד איבערבליק* ווערט אריינגעגעבן דורך די אינשורענס פירמע, ארבעטסגעבער וואס גיבט זיך אליין אינשורענס אדער אנדערע קערפערשאפט וואס באצאלט אדער וועט פאטענציאל דארפן באצאלן, דאן דארף די אפליקאציע איבערגעגעבן ווערן פאר דעם מענטש וואס מאכט די קלעים און זייער לעגאלער פארטרעטער און פאר אנדערע צדדים וואס האבן אן אינטערעס אין די פאל. די איבערגעבונג ווערט פארערכנט צו זיין צייטליך אויב עס ווערט דורכגעפירט דורך דעם אפעלאנט ביז דרייסיג (30) טעג פון ווען די באשלוס ווערט אפיציעל געמאכט דורך די באורד. די דעקלעראציע מוז אויסגעפילט ווערן און מוז אריינרעכענען די מיטל וויאזוי- און דאטום ווען די אפליקאציע איז אריינגעגעבן געווארן צו די באורד. דער אפעלאנט זאל נוצן נאר איין מיטל צו אריינגעבן די אפליקאציע צו די באורד. אויב דער אפעלאנט גיבט אריין טאפלטע אפליקאציעס, דאן קען דאס באשטימט ווערן צו זיין אן אקט פון אומערנסטקייט אדער פון אומנויטיג קאמפליצירן זאכן, און דאס קען פירן צו א קנס אדער שטראף פאר דעם אפעלאנט אונטער WCL טייל 114-a(3). די אויסגעפילטע דעקלעראציע מוז אויסרעכענען די פאפירן וואס זענען איבערגעגעבן געווארן, די נעמען פון די צדדים וואס האבן אינטערעס פאר וועלכע עס איז איבערגעגעבן געווארן, די דאטום און מיטל פון איבערגעבונג פאר יעדן צד און אזוי אויך א באשטעטיגונג אז די איבערגעבונג איז דורכגעפירט געווארן ביז 30 טעג פון ווען די באשלוס פון וואס די אפליקאציע רעדט זיך איז אפיציעל אנגענומען געווארן. עס איז נישט אקצעפטירבאר צו אריינפילן אין די טייל פון די דעקלעראציע וואו מען דארף אויסרעכענען די צדדים וואס האבן באקומען די פאפירן און די וועג וויאזוי עס איז איבערגעגעבן געווארן דורכן שרייבן "זעהט בייגעלייגט". אויב א צד ווערט איבערגעגעבן דאקומענטן דורך אימעיל אדער אנדערע עלעקטראנישע מיטלען, דאן מוז די דעקלעראציע אריינרעכענען א באשטעטיגונג אז דער צד פאר וועלכע עס איז איבערגעגעבן געווארן מיט אזא מיטל האט געגעבן זייער אויסדרוקליכע ערלויבעניש צו איבערגעגעבן ווערן דאקומענטן אויף אזא וועג [זעהט טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(2)(iv)(C)]. די אפליקאציע מוז נישט איבערגעגעבן ווערן צו יעדן צד אויף דעם זעלבן וועג. די דעקלעראציע מוז אונטערגעשריבן ווערן מיט די אריינגעשריבענע דאטום אונטער שטראף פון שווערן פאלש (פּערדזשורי).

NEW YORK STATE | Workers' Compensation Board

# אפליקאציע פאר באורד איבערבליק

PO Box 5205
Binghamton, NY 13902-5205

www.wcb.ny.gov

| 1. WCB קעיס נומער(ן) | 2. אינשורענס פירמע קעיס נומער(ן) | 3. אינשורענס פירמע קאוד | 4. אינשורענס פירמע'ס נאמען | 5. דאטום פון וואונד/אורלויב |
|---|---|---|---|---|
| | | | | |

| 6. נאמען פון דער וואס מאכט די קלעים | 7. אדרעס פון דער וואס מאכט די קלעים |
|---|---|
| | |

**8. די אפליקאציע ווערט געמאכט אין נאמען פון:**

**9. סארט אפליקאציע** (מאכט א טשעק <u>נאר</u> אויף איין): ☐ איבערבליק פון WCLJ באשלוס ☐ נייע הירינג אדער צוריק עפענען קעיס

**10. דאטום פון באשלוס** (יאר/טאג/חודש פון לינקס צו רעכטס):

**11. שרייבט די אנגעלעגנהייט(ן) צו איבערגעקוקט ווערן:**

**12. באגרינדונג פאר אפעלירונג. די אפליקאציע פאר איבערבליק איז באזירט אויף די פאלגנדע באגרינדונגען (אויב איר לייגט צו א ביילאגע מיט לעגאלע טענות קען עס נישט זיין לענגער פון 8 בלעטער. זעהט אנווייזונגען פאר איינצלהייטן):**

**13. הירינג דאטומען, טראנסקריפטן, דאקומענטן, פארשטעלונגען און אנדערע באווייזן (זעהט אנווייזונגען פאר איינצלהייטן):**

**14. נייע און צוגעלייגטע באווייזן אונטער טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(1)(iii) (זעהט אנווייזונגען פאר איינצלהייטן):**

**15. קעגנשטעלונג. שרייבט קלאר ארויס סיי די קעגנשטעלונג געמאכט צו די אורטייל <u>און</u> די דאטום ווען עס איז אפיציעל געמאכט געווארן, ווי פארלאנגט דורך טייטל 12 פון די NYCRR טייל 300.13(b)(2)(ii):**

**16. צי ווערן פארלוירענע-געהאלט באצאלונגען באצאלט אין די צייט וואס די אפליקאציע ווארט אויף א באשלוס?** ☐ יא ☐ ניין

**אויב נישט, דאטום ווען אויפגעהערט באצאלן** (יאר/טאג/חודש פון לינקס צו רעכטס): **אויב יא, אויף וועלכע ראטע?**

**אויב רעדוצירט, דאטום פון רעדוקציע** (יאר/טאג/חודש פון לינקס צו רעכטס):

**גיבט אן די אנגעלעגנהייט אויף די אפעלירונג וואס איז די לעגאלע באזיס פארן אפשטעלן באצאלונגען:**

